אין אידיש
גליון שבועי לנילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו
ראש השנה תשפ"ז / גליון קצ"ז

הלימוד היומי בספרי חסידות

**לשבוע הבעל"ט**
**ספה"ק מאור עינים** (חוקת)

| יום | מד"ה |
| --- | --- |
| ראשון | יום ב' דראש השנה |
| שני | מתחילים פרשת חוקת |
| שלישי | ואז בודאי מחזירו לטוב |
| רביעי | וזה נקרא בחינת |
| חמישי | וגם אפשר שנקרא בחינה עד ד"ה זאת התורה |

צו באקומען אינדערהיים דעם חודש'ליכן קונטרס ערשטע חודש האלב פרייז, רופט 848-243-1624

**מערכת "קול דודי"**
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין ענגלאנד
033.0551.7811
אין ארץ ישראל
03.5.100.200
שטארקע פייערדיגע שמועסן!
**אויף חודש תשרי**
מפי חשובי המשפיעים שליט"א
אין 'קול דודי' היכל המרכזי נומער 1

## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# יום הדין אויפן 'קשר'

**איינמאל דו ווילסט זיך שוין מקשר זיין - ביסטו שוין מקושר! האסט שוין געווינען דעם גרויסן דין פון ראש השנה! ווייל נישט די פעולות האבן דיר געפעלט ביז יעצט, נאר דאס הארץ און 'קשר געפיל'**

ר' אליהו איז דער וועלכער האט זוכה געווען צו באקומען דעם העכסטן פאסטן אין די הייליגע מוסדות פון זיין רבי'ן שליט"א. נישט ווייל ער איז אזא דורכגעווייקטער חסיד פונעם רבי'ן - האט מען אים געגעבן דעם אמט - ווייל גראדע איז ר' אליהו דער לעצטער אויף וועמען מען קען זאגן אזא אויסדרוק, ער איז ווייט פון זיין א דורכגעווייקטער חסיד, פארקערט, ער איז א גאנץ קנאפער חסיד, ער האלט זיך קאלט און דערווייטערט פונעם רבי'ן זעלבסט און פון זיין הייליגן אור. די סיבה פארוואס ער האט באקומען דעם פאסטן איז בלויז צוליב זיינע געבענטשטע כשרונות און צוליב זיין געטריישאפט פאר זיינע בעלי בתים.

אלס ארבעטער איז ר' אליהו געווארן זייער נאנט מיטן רבי'ן, ער האט זיך אינגאנצן אוועקגעגעבן פאר זיין דזשאב, ער האט אויסגעפאלגט אלץ וואס דער רבי האט געוואלט און אויסגעפירט זיין וואונטש אויפן בעסטן אופן. ביי יעדע שאלה וואס האט זיך נאר געמאכט, איז ר' אליהו אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה, און זיך דורכגעשמועסט און זיך בעראטן מיטן רבי'ן, אזוי ווייט, אז ער איז ממש געווארן דארט ווי א בן בית.

אבער דאס אלעס האט גארנישט אנגערירט זיין הארץ צו ווערן א צוגעבינדענער 'חסיד', זיין חסידות איז געבליבן פונקט ווי פריער - אן קיין התקשרות און אהבה צום רבי'ן, און זיין התקשרות איז באשטאנען בלויז פון א געטרייער ארבעטער צו זיין בעל הבית, וועלכער ארבעט פלייסיג און איבערגעגעבן, און פארדינט זיך ערליך זיין געהאלט. אבער מיט רוחניות האט דאס גארנישט קיין שייכות. אוי, אזא שאד!

ווייזט אויס, אז זכות אבות האט מגין געווען, און איין טאג האט עס אים געכאפט! ערגעצוואו האט ר' אליהו אנגעהויבן שפירן די ליכטיגקייט פונעם רבי'ן און איז געווארן צוגעצויגן צו זיין אור. ר' אליהו האט באשלאסן אז ער וויל ווערן 'מקושר' צום רבי'ן. און דא האט זיך ארויסגעשטעלט די מעלה פון זיין נאנטקייט וואס ער האט שוין לאנג צום רבי'ן, אז אין דער מינוט וואס ער וויל ווערן מקושר צום רבי'ן, דארף ער נישט טון קיין שום פעולה, ער דארף זיך בלויז מקשר זיין - און ער איז מקושר!

אין אנדערע ווערטער: אלע פעולות פון התקשרות וואס א חסיד טוט; ווי קוקן אויפן רבי'ן, זיך דרייען נעבן דעם רבי'ן וכדומה - דאס אלעס טוט דאך שוין ר' אליהו פונלאנג, נאר ביז היינט האט ער דאס געטון מיט א טרוקנקייט און עס איז נישט געליגן דערין קיין נשמה פון קשר, אבער איינמאל ער זוכט דעם אינערליכן קשר און וויל ווערן מקושר צום רבי'ן, ווערן אלע זיינע אמאליגע פעולות איבערגעדרייט צו דרכים פון התקשרות! ער איז שוין אויפן פלאץ מקושר!

## וועלן מיר זוכה זיין צו נאך א יאר פון 'אלקי ישראל'?

דער עיקר דין פון ראש השנה דרייט זיך ארום אויפן גרויסן דיון איבער דעם קשר צווישן אידן מיטן אויבערשטן (און אלע אנדערע זאכן וואס מען איז דן, איז בלויז א רעזולטאט וועלכע קומט ארויס פון דעם דין).

און אזוי זענען אלע ספרים הקדושים מסביר; ווי עס שטייט אין 'עבודת ישראל' מיט זיין הייליג לשון: "**מַלְאֲכֵי הַקִּטְרוּג מִתְעוֹרְרִים בְּכָל שָׁנָה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה מֵאַחַר שֶׁיִּשְׂרָאֵל לֹא הֵטִיבוּ דַּרְכֵיהֶם וּמַעַלְלֵיהֶם אֶל ה', אִם כֵּן לֹא תִּתְנַהֵג מִדָּה בְּמִדָּה וח"ו לֹא תִּקָּרֵא 'אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל'. הִנֵּה בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְמַטָּה מִתְעַנִּין וּמַתְרִיעִין לְמַטָּה בְּקוֹל שׁוֹפָר, וּמְקַבְּלִים עֲלֵיהֶם עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בִּתְשׁוּבָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים, עַד אֲשֶׁר מִתְעוֹרְרִים חַסְדֵי הַשֵּׁי"ת לְהוֹצִיא כָּאוֹר צִדְקָם, וּמַרְאֶה זְכוּתָם לִפְנֵי מַלְאֲכֵי מָרוֹם וּמַצְדִּיקָם בְּמִשְׁפָּט, דְּהַיְנוּ עַד שֶׁכֻּלָּם מוֹדִים כִּי הוּא אֱלֹקֵינוּ וַאֲנַחְנוּ יִשְׂרָאֵל עַמּוֹ, וְכֵן נָכוֹן לִהְיוֹת לְעוֹלָם**".

קומט אויס: דער עיקר דין דרייט זיך איבער דעם, צי דער אויבערשטער זאל ווערן אנגערופן 'אלקי ישראל' אדער נישט. צי עס איז טאקע א פאקט אז: "הוא אלקינו ואנחנו ישראל עמו", אדער נישט. דער דין איז אויפן 'קשר', צי וועלן מיר זיך פארדינען נאך א יאר פון קשר מיטן אויבערשטן, אדער חס ושלום נישט. און דערפאר איז דער משפט אזוי שרעקעדיג און גורל'דיג.

אין אנדערע ווערטער: עס קען זיין, אז דו וועסט אפילו זוכה זיין צו ווערן פארשריבן צו א גוט יאר פון אלעם גוטן און מיט געוואלדיגע השפעות, אבער אויב וועט דאס נישט צוגיין אויף אן אופן פון "הוא אלקינו ואנחנו ישראל עמו", אויף אן אופן וואס דו ביסט מחובר צום אויבערשטן, קומסטו פאר ווי דער ר' אליהו וועלכער זעט זיך און האנדלט יעדן טאג מיט זיין רבי'ן אן א שיעור מאל, אבער ער איז נישט מקושר צו אים. די זעלבע זאך ביי דיר: דו שטייסט נעבן די ליכטיגקייט, דו רעדסט צום אויבערשטן, אבער דו ביסט נישט באהאפטן צו אים זעלבסט! דו ביסט נאר פארנומען צו באקומען פון אים דיינע געברויכן, אבער קיין התקשרות צו אים - פארמאגסטו נישט. אוי, אזא שאד!

## 'כתיבה וחתימה טובה' - ביים מענטש אין זיין קאפ

פון צווייטן זייט ליגט דא א פריידיגע בשורה: אויב איז טאקע דער גאנצער דין בלויז אויפן 'קשר', וויפיל און וויאזוי דער קשר מיטן אויבערשטן זאל זיין אינעם קומענדיגן יאר, נו, איז דאך פאראן א פשוט'ע עצה: זיך מקשר זיין! ווייל איינמאל דו ווילסט זיך שוין מקשר זיין צום אויבערשטן - ביסטו שוין מקושר! און דו האסט שוין געווינען דעם גרויסן דין פון ראש השנה! ווייל נישט די פעולות האבן דיר געפעלט ביז יעצט, דו ביסט דאך פול מיט מצוות וואס דו טוסט יעדן איינציגסטן טאג, נאר דאס הארץ און 'קשר געפיל' - אט דאס האט געפעלט, דער רצון צו וועלן אז די פעולות וואס דו טוסט סייווי יעדן טאג - זאלן דיר מקשר זיין צום אור ה'. און אויב אזוי, דארף מען בלויז טוישן אט דעם מהלך המחשבה, און באלד דערויף איז מען שוין מקושר - 'לאלתר לחיים'.

און אזוי ברענגט דער הייליגער 'עבודת ישראל' פון זיין רבי'ן דער הייליגער מגיד פון מעזריטש זי"ע: "**וּכְבָר יָדוּעַ דִּבְרֵי אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ הַגָּאוֹן מוֹרֵנוּ הָרַב דֹּב בֶּער זצ"ל כִּי הַכְּתִיבָה לְחַיִּים בַּסֵּפֶר, פֵּרוּשׁוֹ הַחֲקִיקָה בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ שֶׁל אָדָם. כִּי הָרָשָׁע בְּזָכְרוֹ אֶת עֲוֹנוֹתָיו וְנִפְחַד וְנִרְעַד וְאֵין לִבּוֹ בִּרְשׁוּתוֹ לָשׁוּב אֶל ה', הֲרֵי זֶה נִכְתָּב לְאַלְתַּר לְמִיתָה. מַה שֶּׁאֵין כֵּן הַצַּדִּיקִים, הַגַּם שֶׁהֵם זוֹחֲלִים וְרוֹעֲדִים מֵאֵימַת הַשֵּׁי"ת הֵם בּוֹטְחִים בִּישׁוּעָתוֹ וְחַסְדּוֹ וּמִתְחַזְּקִים לָשׁוּב אֶל ה' וְהֵם נִכְתָּבִים לְאַלְתַּר לְחַיִּים, וְחָקוּק בְּמַחְשַׁבְתָּם הַכְּתִיבָה לְטוֹבָה**". (זעה אויך אין 'יושר דברי אמת' אות נד: "וזהו ענין הכתיבה, שרוצה לומר הרושם שנרשם בנפש הדביקות האלקית והתקרבות הנפש בו").

**איין טאג האט עס אים געכאפט! ערגעצוואו האט ר' אליהו אנגעהויבן שפירן די ליכטיגקייט פונעם רבי'ן און איז געווארן צוגעצויגן צו זיין אור**

שטענדיג ווען מיר האבן געהערט איבער דעם ענין פון 'כתיבה וחתימה טובה', האבן מיר געמיינט אז דאס האט נישט מיט אונזער בחירה! מיר קענען בלויז בעטן און איינרייסן ביים אויבערשטן, אז ער זאל אונז פארשרייבן א גוט געבענטשט יאר. קומט אבער דער הייליגער מגיד און זאגט: דו ווילסט א כתיבה וחתימה טובה? נו, פארשרייב דיר אליינס א גוט יאר! דיין מהלך המחשבה שרייבט אליינס דיין גזר דין אויפן קומענדיגן יאר, צי דו זאלסט זוכה זיין 'לאלתר לחיים', אדער חס ושלום 'לאלתר ל...'. טאמער וועט דיין מחשבה זיין מקושר צום אויבערשטן - וועסטו דיר אנשרייבן א יאר פון 'חיים' - א יאר פון א זיסן קשר מיטן אויבערשטן, און אויב וועסטו זיך חלילה מייאש זיין און אויפגעבן אויף דיין גורל, א בחינה פון "**אֵין לִבּוֹ בִּרְשׁוּתוֹ לָשׁוּב אֶל ה'**" - וועסטו זיך אליינס פארשרייבן א יאר וואס עס שפירט זיך נישט דערין קיין קשר צום אויבערשטן חס ושלום.

די 'עבודת התשובה' פון אלול און ראש השנה איז, אז מיר קערן זיך צוריק צו אונזער אריגינאלער קשר מיטן אויבערשטן! מיר נעמען זיך אריין אין קאפ, אז טראץ אלע ירידות און דורכפעלער פון א גאנץ יאר, וועלן מיר זיך נישט לאזן! מיר וועלן זיך נישט לאזן אריינפאלן אין א יאוש, נאר מיר וועלן גלייבן אז מיר זענען נאכאלץ מקושר, און מיר וועלן צוריק באנייען אונזער קשר צום אויבערשטן - אין אלע אונזערע פעולות פון תורה און מצוות! און דורכדעם וועלן מיר זיך פארשרייבן א גוט געבענטשט יאר בגשמיות, און בעיקר ברוחניות - פול מיט קשר צום אויבערשטן.

# דין - כדי אנצוקומען צו רחמים

**פארוואס פעלט אויס צו געדענקען ווי הארב דער 'יום הדין' איז? ♦ וויאזוי טוט דאס אליינס מעורר זיין רחמי שמים אויף אונז? ♦ און וואס האט דאס צוטון מיט המלכת השי"ת?**

**אברהם יצחק:** א גוטן, ברוך ה' מ'זעט זיך.

**משפיע:** יא, אויך איך פריי זיך דיך צו זען. מיר האבן דאך טאקע געדארפט זיך טרעפן, כדי זיך אנצוואוונטשן א גוט געבענטשט יאר איינער דעם אנדערן...

**אברהם יצחק:** אוודאי, כ'האב זיך טאקע געוואלט אנוואונטשן א גוט יאר מיטן משפיע, אבער דערצו האב איך געהאפט אז דער משפיע וועט האבן אביסל צייט פאר מיר... איך פארשטיי אז די צייט איז זייער טייער און ס'איז יעצט נישטא קיין איבריג מינוט, דער משפיע איז זיכער פארנומען מיט די הכנות צום הייליגן ראש השנה. אבער למעשה שפיר איך אז מוז אביסל רעדן, כ'דארף מאכן אביסל סדר אין קאפ פון אלע מחשבות וואס לייגן מיר ארויף גרויס פרעשור, ארום דעם יום טוב ראש השנה.

**משפיע:** קוק. אויב שפירסטו אז איך קען דיר העלפן, דעמאלטס אדרבא, פארוואס נישט? מיר זוכן דאך כסדר צו מרבה זיין זכותים, אזוי אז זאל טאקע זיין לזכות פאר אונז ביידע דאס אז מיר רעדן זיך יעצט אביסל צוזאם אויף ראש השנה, און מיטן אויבערשטנ'ס הילף האף איך אז ס'וועט ארויסקומען קלארע זאכן דערפון. אבער זאג מיר נאר, וואס פונקטליך מאכט דיך אזוי צעמישט? וועלכע מחשבות מאכן דיר נערוועז?

## כ'בין נישט אומשטאנד צו זיין גרייט צום יום הדין

**אברהם יצחק:** ס'איז גאנץ פשוט. איך שפיר אז כ'בין נאכנישט גרייט! און נישט נאר בין איך נישט גרייט, נאר כ'מיין אז איך האב בכלל נישט די כוחות צו קענען סיי ווען זיין גרייט אויף ראש השנה!

**משפיע:** זיי מיר אביסל מער מסביר. פארוואס שפירסטו אז ביסט נאכנישט גרייט? פארוואס טראכסטו אז דו קענסט ניטאמאל זיין גרייט?

**אברהם יצחק:** געב נאר א קוק. ס'איז גאר אן ערנסטער טאג. מ'איז דן דעם מענטש אויף יעדע איינציגע פרט, דער אויבערשטער וויל מיר זאלן אים ממליך זיין, און ער קוקט דורך יעדער מענטש באזונדער צו זען אויב ער איז אים טאקע עכט ממליך, צי נישט. און למעשה קען איך זיך און איך ווייס צו גוט אז כ'בין ליידער זייער, זייער ווייט דערפון... לאמיר עס מסביר זיין פארן משפיע: איך האב געהערט אפאר שמועסן, און כ'האב אויך געלערנט אין עטליכע ספרים אז דער גאנצער יסוד פון ראש השנה איז "המלכת הבורא". און כ'האב פארשטאנען דערפון אז ממליך זיין דעם אויבערשטן מיינט נישט סתם שרייען "המלך!" ס'איז נישט געווג בלויז צו 'זאגן' אז איך בין אים ממליך. 'ממליך זיין' מיינט קלאר אנערקענען אז מיין גאנצע מציאות געהערט נאר פאר אים, אזוי אויך נישט געבן קיין שום ריר אדער מחשבה וואס איז אנטקעגן דאס אז השי"ת איז דער קעניג און אז איך בין זיין קנעכט...

**משפיע:** 'קיין שום ריר און קיין שום מחשבה'... קיינער פאדערט נישט פון דיר אזא שלימות'דיגע דרגה פון המלכת הבורא... ווארשיינליך איז דא מער א פשוט'ע וועג וויאזוי א מענטש אין דיין דרגה קען ממליך זיין דעם אויבערשטן...

**אברהם יצחק:** ניין. ווילאנג ס'איז א האלבע מעשה, אזוי 'למחצה לשליש ולרביע' - איז עס פשוט נישט קיין 'המלכה'. 'המלכה' מיינט אז דער אויבערשטער איז מלך, און אלעס באלאנגט פאר אים. א האלבער קעניג איז נישט קיין קעניג! אייגנטליך האב איך געהערט א גאנצע דרשה איבער דעם אז ס'קען נישט זיין אז דער אויבערשטער זאל זיין מלך אויף אלעס - אויסער אויף איין זאך. יענער בעל דרשן האט נאכגעזאגט פון רבינו יונה: "אם אמר יאמר העבד לרבו כל אשר תאמר אלי אעשה זולתי דבר אחד, כבר שבר עול אדוניו מעליו"! אויב דער עבד פאלגט נישט זיין האר אפילו מיט בלויז איין זאך, איז ער שוין מער נישט זיין קעניג! ס'איז שוין א סתירה מיט די גאנצע 'מהות' פון מלכות!

און אויסער דעם, ליידער ווייס איך זייער גוט אז כ'בין אזוי ווייט דערפון, ממש כרחוק מזרח ממערב? און אט טרעף איך זיך הארט פארן יום הדין, בשעת איך ווייס אז מ'גייט מיר באלד שטעלן צום געריכט צו זען אויב כ'בין טאקע ריכטיג ממליך דעם אויבערשטן צי נישט, און וואו האלט איך למעשה...? איז וואס? זאל איך זיך פשוט נישט וויסנדיג מאכן דערפון?

**משפיע:** ביסט הונדערט פראצענט גערעכט. אין אנדערע ווערטער זאגסטו אז האסט נישט קיין שום אויסזיכט ארויסצוקומען זכאי בדין. זעסט נישט קיין שום סיבה פארוואס זאלסט "געווינען דעם קעיס". און אייגנטליך, ביסט גערעכט!

**אברהם יצחק:** נו, איז וואס טוט מען? ס'כאפט ממש א ציטער... וואס קען מען פארט טון?

**משפיע:** בעטן רחמי שמים. דער אויבערשטער איז מלא רחמים, און מיר האבן די מעגליכקייט אים צו בעטן ער זאל זיך באגיין מיט אונז מיט מידת הרחמים. "עינינו לך תלויות עד שתחננו ותוציא לאור משפטנו"' - מיר בעטן פונעם אויבערשטן אז ער זאל אונז 'חונן זיין'; דאס מיינט, ער זאל זיך פירן מיט אונז מיט זיין מידה פון רחמנות, ווי ער געבט אונז א מתנת חנם אפילו ווען מיר זענען נישט ראוי דערפאר.

**אברהם יצחק:** אויב אזוי, טראכט איך יעצט, וואו קומט דא בכלל אריין אזויפיל פרעשור? פארוואס איז מען אזוי פארנומען מיט דעם אז "ראש השנה איז א יום הדין"? מ'בעט רחמים און פארטיג...

## ווען מ'איז אין א צרה - איז מען מעורר רחמים

**משפיע:** אה, פרעגסט א גוטע שאלה. אצינד זענען מיר אנגעקומען צו די 'נקודה' פון ראש השנה. די פראגע איז, אויב יעדנספאל וועט מען זיך דארפן פירן מיט אונז מיט מידת החמים, דאן פארוואס ווערט עס אנגערופן 'יום הדין'? און דער תירוץ איז, אז די 'הנהגה' פון רחמים גייט נאר אן נאר ווען מיר זענען עס מעורר און בעטן דערויף. מצד די הנהגה העליונה זעלבסט - איז דער היינטיגער טאג ריין באזירט אויף מידת הדין, און דערצו א דין מיטן פולסטן זין פון ווארט! אין פאקט, ס'איז אסאך הארבער ווי האסט עס פריער אראפגעשטעלט, ווייל מצד 'מלכות שמים' ווערט געפאדערט פון אונז אן אויסטערלישע 'שלימות' - א שלימות וואס מיר זענען פאקטיש פשוט נישט ביכולת אויסצופירן. די איינציגסטע אויסוועג דערפון איז נאר אויב מיר וועלן ווערן געפירט מיט רחמנות. אבער דאס קען נאר געשען אויב מיר וועלן בעטן און מתפלל זיין דערויף, ווייל דער כלל איז, אז די 'הנהגה פון רחמים' קומט נאר ווען מ'איז עס מעורר.

**אברהם יצחק:** אויב אזוי איז די זאך היבש קלאר. מ'קען זיין רואיג. סך הכל דארף מען מעורר זיין רחמי שמים, בעטן דעם אויבערשטן ער זאל זיך באגיין מיט אונז מיט רחמנות, און דאס איז עס! ס'איז נישטא קיין סיבה צו זיין אנגעצויגן.

**משפיע:** ביסט נישט גערעכט. אינגאנצן נישט. אייגנטליך מוז איך דיר זאגן אז האסט פשוט נישט געכאפט די פינטל. ווייל אויב ביסט רואיג און דו שפירסט אז די מידת הדין שטעלט דיר נישט א געפאר, דעמאלטס דארפסט פאקטיש בכלל נישט צוקומען צו קיין רחמי שמים... און אויב דו דארפסט עס נישט, וועסטו עס נישט באקומען...

**אברהם יצחק:** איך פארשטיי נישט. כ'האב נישט פונקט געכאפט וואס דו האסט געזאגט. דער אויבערשטער איז זיך מרחם אויף אונז, אדער נישט? ווען א מענטש בעט רחמנות, באקומט ער עס אדער נישט?

**משפיע:** לאמיר עס מער מסביר זיין. ווען ווערט די מידה פון "רחמים" ערוועקט? ווען דער מענטש געפינט זיך אין א צרה, אין א סכנה, און ער האט נישט קיין שום וועג ארויס אדער וואו זיך צו ראטעווען. דערביי הייבט ער אן צו בעטן און ער פרובירט צו מעורר רחמים זיין, און ערשט דעמאלטס ווערט געוויס נתעורר די מדה פון רחמים פאר אים. אבער דאס איז נאר ווילאנג דער מענטש שפירט אז ער **מוז** צוקומען צו רחמים. אויב דער מענטש כאפט ניטאמאל אז ער געפינט זיך אין א צרה, ער געדענקט נישט אדער ער שפירט נישט אז ס'קומט א שרעקעדיגע יום הדין פון וואס קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען, דעמאלטס שפירט ער דאך נישט אז ער דארף צוקומען צו סיי וועמענ'ס רחמנות! אזוי ארום וועט ער פשוט נישט ערוועקן קיין שום רחמנות אויף זיך! אפילו ווען ער זאל עס פרובירן צו 'זאגן', ער וועט בעטן רחמים מיטן מויל - וועט ער עס נישט באקומען, ווייל ער האט עס נישט געבעטן אויפן ריכטיגן אופן. ער שפירט דאך נישט עכט אז ער דארף צוקומען צו די געבעטענע רחמים.

**אברהם יצחק:** אה, יעצט פארשטיי איך. אויב אזוי קומט אויס אז דווקא דורכדעם וואס א מענטש כאפט און ער שפירט דעם פחד הדין, און דווקא דורכדעם וואס ער שפירט אז ער אייגנטליך

## א קלארקייט אין לעבן / המשך

המשך פון עמוד ד

**דעמאלטס פארוואס דארף מען נאך די עבודת התקיעות פונען צווייטן טאג ראש השנה?**

**ס'ווערט פארענטפערט דורך א צווייטע שאלה:** פארוואס דארף מען בכלל צוויי טעג ראש השנה אויך אין ארץ ישראל? פארוואס איז ראש השנה אנדערש פון יעדע אנדערע יו"ט, אז ס'דארף צוויי טעג, און צוויי באזונדערע עבודות?

אין פנימיות'דיגע ספרים ווערט מבואר אז דעם ערשטן טאג ראש השנה איז 'בנין **פנימיות המלכות**', און ביים צווייטן טאג איז 'בנין **חיצוניות המלכות**'. פשט דערפון איז אז ביים ערשטן טאג איז מען ממליך השי"ת אויף פנימיות'דיגע ענינים, עניני תורה ועבודה. אינעם צווייטן טאג אבער איז די המלכה אויף חיצוניות'דיגע ענינים, עניני גשמיות. דאס איז די עומק פון וואס צדיקים האבן געזאגט אז אינעם ערשטן טאג איז מען דן אויף רוחניות, אין אינעם צווייטן טאג אויף גשמיות.

מער בעומק: 'פנימיות' מיינט די קשר וואס די נשמה האט מיטן אויבערשטן, וואס איז טאקע אונזער טיפסטע פינטל אין הארץ, אבער די קשר מוז זיך ארויסגעבן אין חיצוניות, דאס הייסט אין אונזער מצב און באדערפענישן, אין אונזער טאג טעגליכן לעבן און אין יעדן חיצוניות'דיגן פרט. און אויף דעם דארף מען א צווייטע טאג ראש השנה.

אזוי צי אזוי, פארשטייט מען אז די עבודה פון אונטערנעמען אויף זיך מלכות שמים אויך אין די עולם המעשה, אין די וועלטליכע ענינים, דארף געטון ווערן אין די וואכן טעג, און טאקע מיט 'מעשה' - נישט אום שבת קודש וואס איז א 'יום מחשבה' (תולדות פרשת בשלח). למעשה גייען די ביידע עבודות אינאיינעם: ווייל דורכ'ן מכיר זיין השי"ת אום שבת אויף אזא געהויבענע פארנעם, באקומען מיר בעז"ה די מעגליכקייט, אראפצוברענגען אינעם צווייטן טאג אט די השגה אויך אינעם עולם המעשה (עבודת ישראל).

דער דברי חיים זי"ע ברענגט דערצו א ביישפיל פון מן: אויף מן שטייט "כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליין", פון שבת קודש ווערט נשפע א געוואלדיגע שפע פארן גאנצן וואך, נאר אום שבת איז עס נאר ברוחניות. דערנאך דורכאויס די וואך ווייזט זיך ארויס די שפע אויך בגשמיות. די זעלבע איז מיט יום שני של ראש השנה: מיר ברענגען דאן אראפ די שפע רוחני וואס מיר האבן באקומען אינעם ערשטן טאג, אריין אין די טעגליכע עולם המעשה (עיין עוד עבודת ישראל).

**מיט א תפילה אז מיר זאלן זוכה זיין צו מקבל זיין די זיסקייט פון עול מלכות שמים מיט אן אמת און גאנצע הארץ, און מיט א זיסקייט!**

איז עס נישט אין זיינע הענט צו זיין גרייט און ראוי פאר דעם טאג - טאקע דאס ברענגט אונז צו מעורר זיין רחמי שמים, און עס דערצו באקומען!

## פארוואס פעלט אויס דין? כדי די מידת הרחמים זאל קומען דורך אונז

**משפיע:** פונקט אזוי. און לאמיר דיר זאגן נאך מער: די גאנצע סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט אוועקגעשטעלט אזא הארבע 'סיסטעם' פון דין, איז נאר כדי מיר זאלן זיך טרעפן געצוואונגען אנצוקומען צו זיין ענדלאזע מידת הרחמים! די זאך וואס דער אויבערשטער וויל באמת, איז זיך צו פירן מיט זיינע קינדער מיט מידת הרחמים. און דאס אליינס איז די גאנצע תכלית פארוואס די וועלט איז באשאפן געווארן: כדי דער אויבערשטער זאל זיך קענען פירן מיט זיינע נבראים מיט מידת הרחמים. דער אויבערשטער איז דער אמת'ער 'טוב', ער איז דער אמת'ער בעל הרחמים, און דעריבער איז די 'פנימיות הרצון' פון אויבערשטן אז זיין הנהגה זאל צום סוף ווערן געפירט דורך מידת הרחמים.

**אברהם יצחק:** אויב אזוי, פארוואס הייבט זיך לכתחילה אן מיט מידת הדין? אויב די גאנצע ציל איז אנצוקומען צו רחמים, דאן פארוואס זאל נישט אלעס צוגיין מיט רחמים גלייך פון אנהייב?

**משפיע:** ווייל דער אויבערשטער וויל אז **מיר** זאלן עס מעורר זיין. פארוואס? פאר קיין שום אנדערע סיבה אויסער ווייל ער האט אונז אזוי שטארק ליב. דעריבער וויל ער אז מיר זאלן עס טון.

**אברהם יצחק:** וואס פארדינען מיר פון דעם אז מיר זענען עס אליינס ממשיך? ווי פונקטליך ווערט דא ארויסגעברענגט ליבשאפט?

**משפיע:** ווייל דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן האבן א חלק אין בריאת העולם. ער וויל אז מיר זאלן אליינס 'ערגענצן' דאס וואס ער האט אנגעהויבן. צוליב דעם האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט אויף אזא סארט אופן, אז ס'זאל נישט האבן קיין אייגענע רעכט צו עקזיסטירן - מיט א מדת הדין פון "אין העולם יכול להתקיים" - און אלעס פארוואס? כדי כלל ישראל זאל קומען און ממשיך זיין השפעות און חיות פאר די גאנצע בריאה, דורכדעם וואס זיי זענען ממשיך זיין מידת הרחמנות. אבער פארשטייט זיך, אז דאס ווענדט זיך אין דעם וואס מיר געדענקען אז ס'איז דא א מידת הדין אין וואס מיר האבן נישט קיין שאנס, אזוי ארום אז מיר זענען פשוט געצוואונגען זיך צו פארלאזן אויף דעם אויבערשטנ'ס גרויסע רחמנות.

**אברהם יצחק:** אויב אזוי, למעשה, וואס דארף מען טראכטן דורכאויס דעם טאג? מיט וואס דארף מיין מח זיין פארנומען א גאנצע טאג - מיט די ענין פון "דין", אדער גאר מיטן בעטן רחמי שמים?

**משפיע:**ביידע. מ'דארף צוגיין צו ראש השנה מיט א הבנה אז ס'איז דא א מלך, אונטער וועמען מ'דארף זיך אינגאנצן אונטערווארפן און זיין בטל ומבוטל. מ'דארף געדענקען אז ער קוקט אלעס דורך, און אונזער גאנצע לעבן, אזוי אויך דאס לעבן פון די גאנצע וועלט - ווענדט זיך אין וויפיל מיר זענען מקבל עול מלכותו יתברך. און טאקע דורך די מחשבה, דארף מען אנקומען צום אנערקענונג ווי שטארק מיר מוזן צוקומען צו רחמי שמים, מיר מוזן צוקומען צו דעם אז דער אויבערשטער זאל עס טון פאר זיין אייגענע כבוד און פאר די טובה פון זיין הייליג פאלק, ווייל אונז, פון אונזער זייט, זענען באמת נישט ביכולת אויסצופירן אזא גרויסע תפקיד. אזוי קומט אויס, אז פון איין זייט פארשטייען מיר אז ס'איז דא א מלך און ס'איז דא א שטרענגע דין, אבער פון די אנדערע זייט כאפן מיר אז ס'איז דא א הנהגה פון 'רחמים', און מיר פארלאזן זיך נאר אויף דעם.

**אברהם יצחק:** אהא, און וואו קומט דא אריין מחשבות פון 'מלכות'? למעשה איז עס דאך נישט נאר א יום הדין; ס'איז א טאג ווען מ'איז ממליך דעם אויבערשטן...

**משפיע:** די אלע מחשבות פון 'דין' - זענען אליינס מחשבות פון המלכת השי"ת. ווייל דאס אליינס אז א מענטש אנערקענט אז אלעס ווענדט זיך נאר אין אים, און ער פארשטייט אז מ'דארף אים דינען - ממש דאס איז די באדייט ווען א מענטש איז ממליך דעם אויבערשטן.

לאמיר דיר זאגן נאך מער: ווען א איד כאפט אז ס'איז דא א גרויסער, שרעקעדיגער מלך, און דערצו זעט ער איין ווי ווייט ער שטייט פון אים דינען ווי ס'וואלט געדארפט צו זיין, און דערביי הייבט ער זיך אן צו בעטן ביים אויבערשטן אז ער זאל אוועקנעמען אלע מניעות וואס שטערן פון אים ריכטיג דינען, ער בעט אז מיר זאלן שוין אלע זוכה זיין צו אנערקענען דעם אמת'ן מציאות, "וידע כל פעול כי אתה פעלתו... ויאמר כל אשר נשמה באפו ה' אלקי ישראל מלך" - אט די בקשה זעלבסט דרוקט אויס אז מיר טוען אנערקענען אז דער אויבערשטער איז אונזער מלך! און געוויס איז דאס אליינס מעורר דעם אויבערשטנ'ס רחמנות אויף אונז! ווייל מיט דעם טוען מיר ארויסווייזן ווי שטארק מיר ווילן באמת דינען דעם אויבערשטן ווי ס'דארף צו זיין, פשוט מיר קענען נישט צוליב אלע פארגרעבטקייטן און הסתרות פון טומאת העולם מיט וואס מיר זענען ארומגענומען. דאס אליינס איר מעורר דעם אויבערשטנ'ס רחמנות אויף אונז, אזוי אויך איז עס משפיע א רוח טהרה אויף אונז און ס'איז מבטל אלע הסתרות וואס פארשטעלן די אמת'ע התגלות פון מציאות ה'.

**אברהם יצחק:** ברוך ה', די זאך איז ארויס זייער קלאר. כ'וויל נישט אויפהאלטן דעם משפיע. לאמיר נאר ענדיגן מיט א ברכה פון א שנה טובה ומתוקה, א זיס יאר און א גוט געבענטשט יאר, און זאלן מיר טאקע זוכה זיין צו ריכטיג מעורר זיין דעם אויבערשטנ'ס גרויסע רחמנות.

**משפיע:** אמן!

### פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**'כי חוק לישראל הוא משפט', א משפט איז דען א חוק? אבער בזמנינו אז א יוד האלט זיך נאך אן מיט די אמונה אין אזא פינסטערן דור, איז טאקע א חוק בלי טעם איס צו משפט'ן**

רביה"ק זי"ע (דברי אמונה)



# כוונות פון שופר

רבי אברהם מאיר, דער בעל תוקע אין חצר הקודש אין אלכסנדר, איז געשטאנען צוויי טריט אוועק פונעם הייליגן רבינ'ס טיש. זיינע ציין האבן זיך געקלאפט פאר שרעק, זיין גאנצע קערפער האט געציטערט פון גרויס פחד און ביטול.

דאס לעמפל וואס האט געברענט אויפן טיש האט געווארפן אירע שטראלן אינעם טייללווייז באלויכטענעם צימער, אבער די ליכטיגע צורה פונעם רבי'ן, וואס איז געזעסן פארטיפט אין זיינע מחשבות ביים אנדערן זייט טיש, האט אים אינגאנצן אריבערגעפירט צו א העכערע וועלט, א וועלט וואס איז איין שטיק אור. אור זרוע לצדיק. זיין הארץ האט געזידט מיט יראת הכבוד און אהבה, זיין מח האט געפלאקערט מיט א הייליג פייער.

נאך אפאר מינוט האט דער צדיק אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן. ר' אברהם מאיר האט זיך אנגעגארטלט מיט שטארקייט און פארגעלייגט זיין פראגע:

"איך וויל הערן פון רבי'ן די כוונות פון תקיעת שופר," האט ער געזאגט.

דער 'ישמח ישראל' האט אים אנגעקוקט מיט זיינע הייליגע אויגן, און ר' אברהם מאיר'ס אלע גלידער האבן זיך געווארפן פון גרויס שרעק.

זיין הארץ האט געצאפלט מיט שפאנונג, ווארטנדיג צו הערן וואס דער רבי גייט ענטפערן אין די יעצטיגע מאמענט. וועט אים דער רבי נאכאמאל זאגן, "ס'איז צו הויעך פאר דיר, אברהם מאיר, וועסט עס נישט קענען אריבערטראגן" - אזוי ווי ער האט געענטפערט יאר-איין, יאר-אויס, דורכאויס די לעצטע צענדליגער יארן ווען ער האט אנגעפרעגט די שאלה? וועט ער נאכאמאל דארפן איינזען ווי קליין און דערווייטערט ער איז, און דערביי שטערקער תשובה טון פארן אויבערשטן?

אפשר וועט דאס יאר זיין אנדערש? אביסל האפענונג האט אויפגעבליצט אין זיין הארץ. "אפשר וועט דער אויבערשטער דעם יאר רחמנות האבן אויף מיר, און מיר ענדליך מזכה זיין מיט די געוואלדיגע סודות פון תקיעת שופר."

ער האט נישט געוואוסט, אז דאס איז געווען די לעצטע יאר וואס דער הייליגער ישמח ישראל האט געלעבט אויף די וועלט.

אזוי ארום איז ער געשטאנען מיט שטארק ארויסקוקנדע אויגן, ווארטנדיג מיט דארשט צו הערן וואס דער רבי גייט אים זאגן.

"ליב האבן א יעדן איד!" האט זיך די הייליגע קול געוואנדן צו אים.

גרויס וואונדער האט זיך באוויזן אויף ר' אברהם מאיר'ס פנים. "וואס מיינט דער רבי? וואס איז די חידוש פון מצות 'אהבת ישראל' ביי שופר? אהבת ישראל איז דאך איינע פון די יסודות וואס מ'דארף מקבל זיין אויף זיך יעדע צופרי פארן דאווענען."

דער ישמח ישראל האט גלייך באמערקט זיין איבערראשונג, און אים געענטפערט:

"לאמיר דיר מסביר זיין וואס איך מיין."

"מיינסטו אפשר אז איך רעד פון די אידן וועמען דו קענסט פון בית המדרש, די וואס קומען דא דאווענען יעדן שבת? ניין, נישט זיי מיין איך. איך רעד פון א איד וואס ווייסט אפילו נישט וואס שבת באדייט.

"אפשר טראכסטו אז כאטש יום כיפור קומט ער אין שוהל? זאג איך דיר, ער קומט נישט.

"איך רעד פון א 'דייטשל' וואס פארגעסט אינגאנצן פון יום הקדוש, און רחמנא ליצלן ער האט אפילו חתונה געהאט מיט א גוי'טע."

"יום כיפור צופרי, ווען ער וועקט זיך אויף הונגעריג, שפאנט ער איין זיין פערד רחמנא ליצלן, און ער רייט ארויס צום דערנעבנדן וואלד מיט זיין פייל-און-בויגן. דארט פאנגט ער א האז און ברענגט עס אהיים.

"אינדערהיים זעצט ער זיך אוועק מיט זיין געבראטענעם האז. ער פרעגלט עס איין אין פוטער און עסט אויף די טריפה'נע חיה - השם ישמרנו, פארשטייט זיך; אן קיין ברכה.

"ערשט שפעט נאכמיטאג דערמאנט ער זיך פלוצלונג אז היינט איז יום כיפור ביי אידן. ער ווענדט זיך דעמאלטס צום אויבערשטן און זאגט אויף זיין שפראך:

'אוי, ליבער גאט, היינט איז די פארגעבנס טאג! זיי מיר מוחל, און געב אונז א גוט יאר!'

"און גלייך דערנאך קערט ער זיך צוריק צו זיינע אלטע געוואוינהייטן."

"די גאנצע עבודה פון שופר איז צו ליב האבן אפילו אזא סארט איד, מיטן גאנצן הארץ און נשמה," האט דער ישמח ישראל אויסגעפירט צו רבי אברהם מאיר. א ציטער האט דורכגענומען ר' אברהם מאיר'ס גאנצע וועזן. "עד כדי כך?! אזוי ווייט גייט עס?"

אלזא, ווי גערעכט איז דער רבי געווען וואס ער האט מיר נישט געוואלט מגלה זיין זיינע הייליגע כוונות. א איד וואס געפונט זיך אין אזא פארוואגלטע מצב, וואס לעבט אינגאנצן נישט זיין אמת'ע אידישע מציאות, און איז פארזונקען אין די טיפענישן פון טומאה - וויאזוי קענען מענטשן אויף אונזער דרגה אים ליב האבן?

"רבי! אזא איד זאל דער רבי לייב האבן!" האט דער חסיד אויסגעשריגן פון טיפעניש פון הארץ, מיינענדיג; "וויאזוי איז דאס בכלל מעגליך?!"

"האסט געוואלט וויסן די כוונות? דאס זענען די כוונות פון תקיעת שופר!" האט דער צדיק געענטפערט.

דער חסיד האט דעמאלטס פארשטאנען, אז כאטש דער רבי האט אים אנטפלעקט זיינע כוונות, האט ער עס באמת נאך אלץ נישט משיג געווען. ער איז דאך געווען זייער ווייט פון די קלארע בליק פון א צדיק אמת, וואס זעט דורך די פינסטערניש און גרויל ביזן אמת'ן פינטל פון די נשמה אלוקית, וואס כאטש זי איז באהאלטן, איז זי באליבט און געשעצט ביים אויבערשטן אן קיין גבול.

**מקור: הגה"ח ר' אליעזר דוד פריעדמאן זצ"ל**

# ראש השנה שחל בשבת

## דאס יאר ווען ראש השנה געפאלט אום שבת ווען איז מען ממליך דער אויבערשטן? ווען וויינט מען? וויאזוי ארבעט עס צוזאמען?

## שאלה:

כ'וועל פרעגן מיט פשוט'ע ווערטער: ווען איז מען ממליך דער אויבערשטן? ווען וויינט מען? ווען טוט מען קרעכצן און זיפצן...?

יעדעס יאר ווייס איך, אז די עיקר עבודה איז ביי תקיעת שופר, און דארט דארף מען אריינלייגן די עבודה פון המלכת השי"ת מיט א געשריי און תשוקה צו מלכות שמים פון פנימיות הלב.

אבער דאס יאר ווען ראש השנה געפאלט אום שבת פרעגט זיך, ווען און אוואו איז די עיקר עבודה?

## תשובה:

### א. נאך העכער

אין ספרים הק' ווערט מבואר א געוואלדיגע חידוש, אז ראש השנה שחל בשבת **שטייט נאך העכער** ווי א געווענליכע ראש השנה, ווייל אלץ וואס מ'טוט אויף יעדעס יאר דורך די תקיעות, ווערט אין אזא יאר דורך 'קדושת השבת' אליינס, אין **נאך אויף א העכערע פארנעם** (ספרים הק' לייגן נאך צו, אז די סיבה וואס חז"ל זאגן פארוואס מ'בלאזט נישט אום שבת "שמא יעבירנו ד' אמות ברשות הרבים", איז ווייל בלאזן שופר אום שבת איז א זלזול אין שבת ווייל מ'צייגט ווי גלייך שבת פאר זיך איז נישט גענוג נאר מ'דארף אויך די תקיעות, און דאס קען צוברענגען צו מאכן עכטע חילול שבת ח"ו).

די באדייט דערפון איז, אז אום דעם שבת זענען מיר נישט עוסק מיט קדושת השבת אליינס וואס פאלט צופעליג אויס אום ראש השנה, נאר **די עבודה פון שבת גייט ממש צוזאמען מיט די עבודה פון ראש השנה**, ווייל דווקא דורךביידע זענען מיר זוכה דעם יאר צו די הויכע ליכטיגע אור, וואס ווערט נמשך היי יאר. דאס מיינט אז עבודת השבת איז ממש א חלק פון עבודת ראש השנה זעלבסט.

**מ'דארף אנמערקן**, אז פונקט ווי ראש השנה שחל בשבת שטייט העכער, אזוי אויך איז דער שבת העכער פון אלע אנדערע שבתים. ווייל פונקט ווי ראש השנה איז מקבל אן אור פון שבת, אזוי אויך טוט שבת מקבל זיין אן אור פון קדושת ראש השנה וואס איז דאך משפיע דעם חיות פארן גאנצן יאר, קומט אויס די קדושת היום איז גבוה מעל גבוה. **א דאנק דעם, זענען מיר זוכה צו א ספעציעלע 'מתנה'** אז די גאנצע יאר איז א 'שבת'דיגע יאר'! צדיקים זי"ע זענען מפליג אין די מעלה פון אזא יאר, וואס די גאנצע יאר באקומט קדושת שבת.

### ב. די עבודה פון ראש השנה

**אבער לאמיר פארשטיין זייערע הייליגע ווערטער: וואס איז טאקע די שייכות צווישן קדושת שבת און קדושת ראש השנה?** מיט אביסל מחשבה וועלן מיר דערגיין אז די עבודה פון ראש השנה און שבת זענען ממש היינו הך.

ווי באקאנט, די עבודה פון ראש השנה איז 'מלכות', ווי השי"ת האט אונז געזאגט: "אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם, וכדי שיעלה זכרוניכם לטובה, ובמה בשופר". וואס מיינט זאגן מלכיות? אנערקענען דעם אויבערשטנ'ס אמת'ע מציאות. "וידע כל פעול כי אתה פעלתו, ויבין כל יציר כי אתה יצרתו". און דאס אליינס איז אונז 'מעלה זכרוננו לטובה', ס'דערציילט אז אונזער גאנצע מציאות איז צו מגלה זיין יחוד און אחדות ה' אין די וועלט, "ויאמר **כל אשר נשמה באפו ה' אלקי ישראל מלך**", און נאר דורך אידן ווערט פארשפרייט מלכות שמים אין די וועלט, "ומלכותו בכל משלה".

**אין איין ווארט: התגלות מלכות שמים אויף אונז!**

מיר טוען בעצם די עבודה פון מלכות צוויי מאל א טאג ביי קריאת שמע. דאס איז פשט פונעם פסוק וואס איז געוואוינט אויף יעדן אידנ'ס מויל פון געבוירן ביזן לעצטן טאג: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", זאגנדיג: א איד'ס גאנצע מציאות איז צו מגלה זיין דעם אויבערשטנ'ס מציאות! און דאס הייסט 'מלכות' - איך האב גארנישט און ער האט אלץ, כ'בין עס מקבל אויף זיך און כ'בין מגלה זיין מלכות.

אייגנטליך איז דאס די עבודה פון יעדן טאג, ווייל דאס איז אונזער גאנצע און איינציגע תכלית אין לעבן, נאר די עבודה פון ראש השנה איז משפיע וויאזוי די עבודה פון מלכות וועט אויסקוקן דורכאויס דעם יאר. לויט אונזער עבודה אום ראש השנה, לויט וויפיל מיר טוען טיפער ארייננבאקן אין הארץ אונזער רצון צו מלכות שמים, לויט וויאזוי מיר זענען מכיר יחוד און אחדות ה' און מיר זענען זיך משעבד דערצו - לויט דעם וועלן מיר זוכה זיין צו לעבן מיט מלכות שמים דורכן גאנצן יאר. אונזערע הצלחות, נסיונות און סייעתא דשמיא, אלץ ווענדט זיך דערין.

### ג. די עבודה פון שבת קודש

**יעצט לאמיר אריבערגיין צו קדושת השבת און זען ווי ס'איז ממש דאס:**

וואס איז שבת קודש? במשכ'ן וואך איז מציאות ה' פארהוילן, די וועלט פירט זיך ווי נעכטן און אייערנעכטן, 'ביזנעס ווי געווענליך'... ס'קוקט ח"ו אויס ווי די וועלט איז אפגעהאקט און פירט זיך אן קיין מנהיג. דאן קומט שבת קודש ווען "כל מלאכתך עשויה", מיר האקן זיך אפ פון די דרויסנדיגע וועלט, פון די הסתר, און באהעפטן זיך צו יחוד ה' וואס שיינט דעמאלטס אין אלע עולמות.

און דווקא אונז, קינדער פונעם אויבערשטן, זענען זוכה דערצו, ווייל "גוי ששבת חייב מיתה". דאס איז ווייל נאר מיר זענען פאראייניציגט כביכול מיטן אויבערשטן. קומט אויס: אז שבת באלעבן מיר די ליבשאפט און קשר וואס מיר האבן מיט השי"ת, וואס באדייט אז השי"ת איז מגלה זיין יחוד צו אונז, ער נעמט אוועק אלע הסתרות און דעקט אויף זיין אור צו אידישע קינדער. דאס איז אור השבת.

אזויווי מיר זאגן יעדן שבת: "כד עיל שבתא איהי אתיחדת ואתפרשת מסטרא אחרא, וכל דינין מתעברין מינה ואיהי אשתארת ביחודא נהירו קדישא וכו' ואנפאה נהירין בנהירו עילאה ואתעטרת לתתא בעמא קדישא, וכולהון מתעטרן בנשמתין חדתין וכו'". די נשמה יתירה צו וואס מיר זענען זוכה יעדן שבת, איז זעלבסט די התגלות פון "יחודא דנהירו קדישא". די נשמה איז זוכה צו זיין דבוק און זיך מתענג זיין מיט יחוד ה'.

**ווי געזאגט, אויך אום ראש השנה איז דאס די עבודה. אנערקענען יחוד ה' און מקבל זיין מלכות שמים, וואס ער געבט דייקא פאר אונז, זיין באליבט פאלק.**

### ד. א שבת'דיגע ראש השנה

ווען ראש השנה פאלט אינמיטן די וואך, איז מותר צו מאכן מלאכות פון 'אוכל נפש'. **וואס איז די פנימיות דערפון?** ס'ווייזט אז מ'איז נאכנישט פולקאם אפגעהאקט פון די הסתר פון די וועלט. ס'ווערט טאקע נתגלה אור ה' אין אלע וועלטן, אבער ס'איז פארט נאכנישט 'די' התגלות וואו ס'איז נישטא קיין הסתרה. הייסט אז די עבודה פון מלכות קומט נאך עטוואס שווערליך.

אבער ווען ראש השנה פאלט שבת, זענען מיר זוכה צו מקבל זיין מלכות שמים דווקא פון א פולקאמע התגלות. **אין ראש השנה שחל בשבת שטעלט זיך א איד אוועק און טראכט:** כ'דארף נישט מאכן קיין שום מלאכה, איך קען נישט מאכן קיין מלאכה, אפילו נישט לצורך יום טוב. איך האב נישט קיין שום אייגענע מציאות, נאר דעם אויבערשטנ'ס איינציגע מציאות. מיין גאנצע מציאות איז נאר אז השי"ת האט מיר אויסגעוועלט צו מגלה זיין אויף מיר מלכותו יתברך, און איך האב זוכה געווען צו מגלה זיין מציאות ה' דא אויף די וועלט - אויסער דעם, האב איך נישט קיין שום אנדערע מציאות. מיט אזא צוגאנג באקומט די גאנצע "תמליכוני עליכם" און "יעלה זכרוניכם לפני לטובה" גאר אן אנדערע און ליכטיגערע פנים!

**אין קלארערע ווערטער:** אין א געווענליכע יאר בלאזן מיר שופר, ווייל שופר דריקט אויס אונזער טיפסטע רצון אין הארץ צו ממליך זיין דעם אויבערשטן, אבער דאס יאר טוט קדושת השבת זעלבסט אויסדריקן די עבודה פון שופר. (ע"פ בני יששכר, מאור ושמש און נאך).

### ה. די מעלות מער פון יעדן יאר

**דערפאר שיינט דער יאר א העכערע אור ווי אין א געווענליכע יאר, ווייל זי ענטהאלט מורא'דיגע מעלות:**

**ערשטנס:** די עבודת השופר קומט פון אונזער זייט, פון למטה, דאגעגן שבת קומט מלמעלה, און אן אור וואס קומט פון אויבן איז אסאך העכער און גרעסער.

**צווייטנס:** עבודת השופר קומט ארויס פון הסתרה. דאס בלאזן און געשריי פון שופר קומט ברעכן די הסתרה און אויך דארט מקבל זיין מלכות שמים. ווידעראום שבת קודש קומט אלעס פון 'התגלות'. אור ה' שיינט אויף און אזוי זענען מיר מקבל זיין מלכות מיט חיות און התגלות.

**נאך א מעלה:** שבת איז א טאג פון עונג און שמחה, אזויווי דער פסוק זאגט: "וקראת לשבת **עונג**", "וביום **שמחתכם**" - אלו השבתות. וואס מיר טוען אויף יעדעס יאר דורכ'ן שרייען פון הארץ, בעטן רחמי שמים, שפירן א חרטה און מקבל זיין אויפן עתיד, טוען מיר אויף דאס יאר דורך שמחה וטוב לבב. (ס'איז כדאי אנצומערקן אז די אויבנדערמאנטע געווענליכע עבודות ביי די תקיעות, איז אייגנטליך דער ענין פון שופר, בקיצור: די ערשטע תקיעה געבט ארויס די הכרה אין מלכות שמים. די גראדע קול ארויס פון טיפן הארץ דריקט אויס די טיפסטע קשר, ווי באקאנט אז 'תקיעה' איז אויפן לשון פון 'חיבור', ווי ס'שטייט "ותקעתיו יתד במקום נאמן". די שברים און תרועה ווייזט אויף א שברון לב אויפן עבר, און א בקשת רחמים צו זוכה זיין צו מלכות שמים. די לעצטע תקיעה ברענגט ארויס די באנייטע קשר דורך די שטארקע קבלה אויפן עתיד. די שטערקערע תקיעה גדולה איז מרמז אויפן חיבור וואס קומט מלמעלה).

אויב אין א געווענליכע יאר זענען מיר פול מיט געפילן פון חרטה און מרירות, זענען מיר דאס יאר פיל מיט שמחה און תענוגים, זיך פרייענדיג מיט מלכות שמים, מיט די שמחה וואס דער אויבערשטער כביכול האט מיט דעם וואס מיר זענען אים ממליך (שפת אמת ר"ה תרמ"ח).

**פערטנס:** דאס וואס ס'קומט אונז אן אזוי שווער צו מאכן א קבלת עול, איז צוליב אונזער גוף. דאגעגן די נשמה'ס גאנצע באגער איז צו מקבל זיין עול מלכות שמים, ווי אויך 'שמחה' פארמאגט א געוואלדיגע כח צו גרינגער מקבל זיין עול מלכות שמים (שם). דערפאר, אין אזא יאר ווען מיר געפינען זיך אין א 'יומא דנשמתא' באקומענדיג א נשמה יתירה און דערצו א 'שמחה יתירה' - איז פיל גרינגער צו מקבל זיין עול מלכות שמים.

מ'דארף אנמערקן אז אין א געוויסע זין, איז דאס די אונטערשייד צווישן 'תשובה תתאה' און 'תשובה עילאה'. 'תשובה תתאה' באדייט זיך ערגערן אויף וויפיל מ'האט זיך דערווייטערט פונעם אויבערשטן צוליב די עבירות, 'תשובה עילאה' איז די שמחה מיטן זיך צוריקקערן צום אויבערשטן. (אגרת התשובה פונעם בעל תניא). און ווי באקאנט, שבת איז 'תשובה עילאה'.

### ו. דעם צייט פון עבודה

**אבער דער שואל פרעגט נאך: ווען איז מען ממליך דעם אויבערשטן? ווען וויינט מען?... אויך אויב דער יאר וויינט מען נישט און מ'איז בשמחה, נאכאלץ פרעגט זיך: ווען איז מען ממליך השי"ת מיט שמחה?**

דערפאר דארף מען וויסן, אז פונקט ווי קדושת שבת גייט אן פארן גאנצן טאג און מ'טאר עס קיינמאל נישט מחלל זיין, אזוי אויך איז די עבודה פון המלכה אום שבת **נוגע פארן גאנצן טאג.** אויב יעדעס יאר קוקן מיר אויס אויף די הייליגע מינוטן פון די תקיעות, האבן מיר היי יאר די מעגליכקייט צו זיין פרייליך און ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף אונז במשך דעם גאנצן טאג.

**אבער פארט איז דא א צייט וואס איז מער געאייגנט דערפאר.** דאס איז פשוט, אז די פאסיגע צייט פאר עבודת ראש השנה איז בדרך כלל ביי די תפילות, איבערהויפט די זיסע תפילות פון שמונה עשרה.

אבער אמת'דיג גערעדט, איז באקאנט די שיטה פונעם ריטב"א אז די ענין פון פסוקי שופרות (אויף וואס מפרשים פרעגן צו וואס פעלט עס אויס, נאכדעם וואס מ'בלאזט סייווי) איז עקסטער אוועקגעשטעלט פאר אזא יאר פון ראש השנה שחל בשבת און מ'קען נישט בלאזן שופר. קומט אויס אז יעצט איז די צייט און פלאץ זיך ארייננצוטון אין עבודת השופר.

די פסוקים פון שופרות רעדן וועגן מתן תורה וואס איז געגעבן געווארן אום שבת, און פון די גאולה העתידה ווען ס'גייט זיין א יום שכולו שבת. מ'קען גרינג פארשטיין אז די צוויי זענען ממש איינס, ווייל ביי מתן תורה צוזאמען מיטן התגלות פון שבת ווען השי"ת אליינס האט אונז כביכול געזאגט "אנכי ה' אלקיך", האט יעדער איינער פון אונז מקבל געווען מלכות שמים! ווי אויך איז די גאולה א זמן ווען ס'גייט נתגלה ווערן אור ה' אין די וועלט, און שבת איז א זמן ווען די אור הגנוז שיינט פאר אידישע קינדער, און דאס די ענין פון תקיעות. **"אשרי העם יודעי תרועה, ה' באור פניך יהלכון".**

### ז. די עבודה פונעם צווייטן טאג

**נאכן דאס אויסקלארן, שווימט ארויף א פארקערטע שאלה: אויב טוען מיר דאס יאר אויף נאך מער מיט קדושת השבת ווי דורך קדושת התקיעות,**

המשך אין עמוד ב

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון רופט
אין מאנסי: 347.452.3118 וויליאמסבורג: 347.774.0850 קרית יואל: 917.538.7491 לעקוואיד: 845.274.4847
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483